# די הייליגע שטאט
# ליזענסק




המקום שהתפללו רבותינו הקדושים

בס"ד

# די הייליגע שטאט ליזענסק

## דער הייליגער ציון אין ליזענסק אַמאָל אין היינט

יוצא לאור ע"י
מענדל רייכבערג ובניו
לרגלי יומא דהילולא של רבינו הקדוש הרבי ר' אלימלך זי"ע
אדר תשנ"ת לפ"ק

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

# לזכרון עולם יכתב בספר

**אבי** הרה"ח ר' **חיים יקותיאל** בן ר' **יצחק צבי**
**רייכבערג** ז"ל הי"ד **מבאכניא**
שנעק"ה בעיר בעלזעץ י"ז אלול תש"ב לפ"ק

**אמי** הצדיקת מרת **חי'** בת ר' **שלום הכהן**
**ענגלענדער** ע"ה הי"ד **מצאנז**
שנעק"ה בגיטו באכניא ג' אלול תש"ג לפ"ק

**חותני** הרה"ח ר' **מאיר** בן ר' **יוסף קרוים** ז"ל הי"ד
**מאונגוואר**
שנעק"ה באוישוויטץ ב' סיון תש"ד לפ"ק

**וחמותי** הצ' מרת **העניא** בת ר' **זאב וואלף**
**נאכמאוויטש** ע"ה הי"ד
**שו"ב ודומ"ץ דאבראן**
שנעק"ה באוישוויטץ ב' סיון תש"ד לפ"ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**

והנני בזה להזהיר שאסור להדפיס או להעתיק
שום דבר מקונטרס זו בלתי קבלת רשות

שלמה הלברשטאם

אבד"ק באבוב

ב"ה, יום ד' צו תשמ"ח לפ"ק

שלו' רב לידידנו הנה"ח הנכבד

מו"ה **מנחם רייכבערג** נ"י

הנני בזה לעוררו היות שידוע ומפורסם שהי' נהוג מימים ימימה שנסעו ובאו לעיר **צאנז** על יומא דהילולא של **כ"ק אא"ז הגאון הקדוש בעל דברי חיים זצ"ל זי"ע** אלפי אלפים אנשים צדיקים וחסידים וגדולי ישראל ואנשים פשוטים מכל רחבי מדינותנו ומדינת אונגארן ושאר מדינות, ואין לצייר ההתעוררות מהצעקות והתפלות והבכיות שהי' שמה, ועין בעין ראו כי שועתם עלתה למרום ונתקבלו תפלתם. ועתה בעו"ה נתרשל הדבר.

**לכן מהנכון לעורר את הציבור אחב"י מאמינים בני מאמינים ליסע באלה מסעי על הציון הקדוש, וקרוב ה' לכל קוראיו להוושע בכל משאלות לבם לטובה.**

פה"ק ידידו"ש מברכו בחג כשר ושמח

הק' שלמה הלברשטאם

משה טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר
ברוקלין, נ. י. יצ"ו

ב"ה

הן הלום חזיתי איש מהיר במלאכתו ה"ה מע"כ הרבני הנכבד עושה ומעשה לטובת הכלל והפרט הרה"ח מוה"ר מענדל רייכבערג נ"י, שאני מכיר אותו היטב לעסקן נמרץ בעבודת הקודש, לתקן קברי צדיקים בכל האפשרות, ובעהי"ת כבר פעל ועשה הרבה תיקונים טובים בזה, ובפרט עשה תיקון גדול בליזענסק אצל ציון הקדוש של רבינו הרה"ק בעל נועם אלימלך זיעועכי"א, ובדין הוא שיטול שכרו.

ע"כ אבקש בזה את אחב"י לעמוד לימינו ולעזור לו בכל הנוגע לקברי הצדיקים הקדושים אשר בארץ המה, וזכותם יגן באלף המגן להנצל מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, ולהתברך ברו"ג בשפע ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם, עדי נזכה לישועה כללית במהרה.

בעה"ח ב' לס' ויחי [illegible]
משה טייטלבוים

# אינהאַלט

## ערשטער קאַפּיטל
## דאס הייליגע ארט

משכן הקודש ............................................................ה
ביתה נאוה קודש..........................................................ה
דער בית החיים ...........................................................ז

## צווייטער קאַפּיטל
## דער רבי ר' אלימלך זי"ע

תולדות איש האלקים ....................................................ט
גדולת הרבי ר' אלימלך זי"ע ..........................................י

## דריטער קאַפּיטל
## דער הייליגער פלאַץ

די נשמה פון בעשטה"ק .................................................טו
דער צוים ארום דעם קבר ..............................................טז

## פערדער קאַפּיטל
## דאס גרויסקייט פון פאָרן צום ציון הקדוש

מסוגל אויף תשובה און יר"ש .........................................כא
דער מאור ושמש אויפן ציון ...........................................כב
דער רבי ר' אלימלך איז דא געבליבן ...............................כג
מקום קיבול תפילות .....................................................כה

## פינפטער קאַפּיטל
## תל תלפיות

מאַסן שטראָמען קיין ליזענסק............................................כז
דער טייערער ניסען בוים...................................................כח
ערב שבת ביים רבי'ן רבי אלימלך.......................................כט

## זעקסטער קאַפּיטל
## די קברים אין אהל

דער אהל אינוויינינג - פאַרן קריג.........................................לא
רבי אלעזר פון ליזענסק.....................................................לג
דער "אורח לצדיק" רבי אליעזר ליפא פון חעמעלניק.........לד
רבי נפתלי פון ליזענסק.....................................................לה
רבי נתן אחי הר"ר אלימלך.................................................לז
דער חדב"נ רבי שמואל צורף...............................................לח

## זיבעטער קאַפּיטל
## דער ציון אין די צייט פון קריג און היינט

בימי הרת עולם.................................................................לט
דער אהל היינטיגן טאג.........................................................מ

## אכטער קאַפּיטל
## דער לשון הזהב

אוהב דבוק מאח.................................................................מג
געכאַפּט די עבירות..............................................................מד

# ערשטער קאַפּיטל

# דאס הייליגע ארט

## משכן הקודש

**ליזענסק! מקום משכן כבודו פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע!**

די שטאט **ליזענסק** געפינט זיך נישט ווייט פון די גרעניץ פון אוקריינע (די געוועזענע מזרח גאליציע) אין די געגנט פון די שטעט: ריישא, יעריסלוב, פשעוואָרסק, און שיניאָווא.

דא אויף די שטאט ליזענסק האט דער אַפּטער רב זי"ע מעיד געווען:

**"אין ליזענסק זענען די הימלן אויסגעלייטערט דורך די תפלות פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע".**

## ביתה נאוה קודש

ביז די קריג איז נאך געשטאנען דאס הויז וואו דער רבי ר' אלימלך זי"ע האט געוואוינט.

ווען דער תפארת שלמה פון ראַדאָמסק זי"ע איז געקומען דאס ערשטע מאל קיין ליזענסק צום ציון (וואו אהין ער פלעגט אָפט קומען) האט ער זיך נאָכגעפרעגט צו עס שטייט נאך דאס הויז וואו עס האט געוואוינט דער רבי ר' אלימלך זי"ע?.

## ו   די הייליגע שטאט ליזענסק

האבן אים די ליזענסקער איינוואוינער דערציילט אז דאס הויז שטייט נאך, היינט וואוינט דארט א איד, א "גלעזער" (וואס זיין פרנסה איז פון גלאָז ארבייט ווי אריינלייגן פענסטער און שויבן אין די הייזער, א. ד. ג.)

האט דער תפארת שלמה געבעטן מען זאל אים רופן דעם איד.

ווען דער גלעזער איז געקומען האט דער תפארת שלמה אים געפרעגט צו עס פעלט אים גארנישט? צו ער נויטיגט זיך נישט אין עפעס א ישועה?

האט דער גלעזער געענטפערט, אז ער דארף טאקע א גרויסע ישועה, ער האט נישט קיין קינדער ל"ע, ער דארף געהאלפן ווערן מיט א קינד.

האט אים דער תפארת שלמה געזאגט:

"ווי לאנג דו וואוינסט אין דעם הויז, וועסטו נישט קענען האָבן קיין קינדער, גיי ארויס פון דארט, וועסטו געהאלפן ווערן מיט א קינד!".

דער איד האט געפאלגט, ער האט זיך גלייך אריבערגעצויגן אין אן אנדערע וואוינונג.

דער תפארת שלמה האט דעמאלט געהייסן פאר די ליזענסקער אידן זיי זאלן מאכן א בית מדרש אין דעם הויז, אידן זאלן דארט דאווענען אין לערנען, ווי עס פּאַסט זיך טאקע פאר אזא הייליג ארט וואו עס האט אַמאָל געוואוינט אזא צדיק.

דאס אנדערע יאר ווען דער תפארת שלמה איז געקומען קיין ליזענסק, האט זיך די גאנצע שטאט גע'רעש'ט פון דעם גרויסן מופת! דער גלעזער האט געהאט א יונגל!

## דער בית החיים

ביים עק שטאט געפינט זיך דער בית החיים (די גאַס דא קעגן בית החיים איז ביז די קריג געוועזן באוואוינט מיט אידן)

דער בית החיים איז כמעט אינגאנצן ליידיג פון מצבות, כאטש געציילטע מצבות קען מען נאך יא טרעפן. ביי די קריג זענען אלע מצבות צושלעפט געווארן אין שטאט, עטליכע צענדליגער מצבות וועלכע זענען געפינען געווארן זיך ארום וואַלגערן אין שטאט האט מען נאך די קריג צוריקגעברענגט און זיי אויפגעשטעלט אין רייעס אינמיטן בית החיים.

גלייך ווי די דייטשע רוצחים ימ"ש זענען ארייגעקומען קיין ליזענסק האבן זיי צושטערט דעם אהל אויפן הייליגן ציון.

נאך די קריג האט מען פון דאָסניי געבויעט דעם אהל אויפן ארט פונעם אַלטן אהל.

* * *

דער הויכער בוים וואס שטייט נעבן אהל זעט מען נאך אויך אויף אלטע בילדער פון פאַרן קריג.

* * *

די מצבות אין אהל זענען אלע נייע, אויסער די מצבה פון הרה"ק רבי אלעזר ליזענסקער זי"ע וואס איז יא די

ארגענעלע, נאר זעט אויס אז מען האט עס געטראפן ערשט שפעטער און דערפאר האט מען עס נישט געלייגט אויפן ארט וואו עס דארף זיין בערך דער קבר פון רבי אלעזר, נאר ביי א זייט, ביי די רעכטע וואנט אין אהל.

פאר די קריג איז דער אהל געווען צוטיילט אין צוויי צימערן. אין אינוויינגסטן צימער איז געלעגן דער רבי ר' אלימלך זי"ע אליין, אין פאדערשטן צימער זענען געלעגן די קינדער און אייניקלעך.



דער אהל איז געבויעט געווארן אין יאר תשי"ט

## צווייטער קאַפּיטל

# דער רבי ר' אלימלך זי"ע

### תולדות איש האלקים

רבינו הקדוש אביר הרועים הרבי ר' אלימלך זי"ע איז געבוירן בערך שנת תע"ז צו זיין טאטן הרה"ק רבי אליעזר ליפמאן זי"ע.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם רבי'ן ר' בער פון מעזריטש זי"ע.

נאך די הסתלקות פונעם רבי'ן ר' בער זי"ע זענען א גרויס חלק פון רבי'ן ר' בער'ס תלמידים געפאָרן צו אים.

ער איז געווען דער רבי פון כמעט אלע צדיקי הדור, ווי דער רבי פון לובלין, רבי מענדעלע רימנובער, דער קאזינצער מגיד, דער אַפּטער רב בעמח"ס אוהב ישראל, רבי אברהם משה פשעוואָרסקער, רבי משה פשעוואָרסקער סופר סת"ם בעל אור פני משה, רבי משה לייב סאסובער, רבי זכרי' מענדל יעריסלובער בעמח"ס דרכי צדק.

און די צדיקים פון א דור שפעטער:

רבי יהודא לייב פון זאַקילקאוו, רבי שלמה קשאנובער, רבי משה'לע קאזניצער, דער נועם מגדים, רבי נטע חעלעמער, דער מאור ושמש, רבי דוד'ל לעלובער, דער ראפשיצער רב,

רבי שמואל קארובער, רבי שמעון יעריסלאווער, רבי אברהם מרדכי פינטשובער, און כמעט אלע אנדערע פולישע צדיקים.

## גדולת הרבי ר' אלימלך זי"ע

"וואס איך האב געזען ביי מיינע הייליגע רבי'ס, און בפרט ביי אדמו"ר הרב הקדוש איש אלקים בוצינא קדישא מו"ה אלימלך זצ"ל, וואס כמה וכמה סיגופים האט זיך דער איש קדוש געמאכט. דעמאלט ווען איך בין געווען ביי אים, איז ער שוין געווען אויף די הויכע מדרגה, און דאך האט ער זיך נאך געמאכט יסורים, ער האט זיך געשלאָגן מיט ברענענדיגע און שטעכעדיגע גראָזלעך וואס מען רופט אויף אידיש "ברענעסטלין", אויסער די אנדערע סיגופים, תעניתים, און מקוואות וואס ער האט זיך געמאכט, וואס ווער קען דען אלעס זאגן און דערציילן, דער פּאַפּיר איז צו קורץ עס זאל אנטהאלטן די אלע גרויסע סיגופים וואס ער האט זיך געמאכט" (באר משה להרה"ק ר"מ מקאזניץ זי"ע לראש חודש אב)

* * *

הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע האט געזאגט: "ווען נישט וואס איך האב געקענט א איד וואס האט געקענט דעם רבי'ן ר' אלימלך, וואלט איך נישט געגלייבט אז דער רבי ר' אלימלך איז געווען א ילוד אשה"

* * *

הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשויב זי"ע האט געזאגט

אז ער איז מקובל אז דער רבי ר' אלימלך האט געהאט מדריגות וועלכע זענען נישט געווען אויף די וועלט פון די צייט פון די נביאים! (ע"ק ששמע מפ"ק הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא ששמע מפה"ק מזידיטשויב)

* * *

איך האב געהערט פון טאַטן וואס האט געזאגט א סאך מאל: "הלואי זאלן מענטשן האבן אזא ריינע געלייטערטע נשמה ווי מיין גוף" (ספה"ק אורח לצדיק לבנו הרה"ק רבי אליעזר ליפא זי"ע פרשת תזריע)

* * *

"...די גרויסע מעלה פון צדיקים, וואָס זייער שטארקע הייליגקייט טוט זיך ציען אויף די דורות וואָס קומען נאך זיי, וואָס אויך אויף די דורות ערשיינט אַ ליכטיגקייט פון דאס הייליגקייט וואָס די צדיקים האבן געמאכט ירש'ענען זייערע תלמידים, און תלמידים פון זייערע תלמידים.

אזוי ווי אונזערע אויגן זעען טאַקע דאס גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, וואָס [כאטש] עס איז שוין דא באלד אכציג יאר פון זיין פטירה, דאך טוט נאך ביז היינט ערשיינען זיין הייליגער ליכט פאַר זיינע תלמידים, [און] פאַר יעדן וואָס וויל זיך רייניגן, ווי אַ טייך וואָס ענדיגט זיך נישט... (ספה"ק תפארת שלמה דף קנ"ו)

* * *

"איך האב געהערט פון א איד וואס האט אליין געהערט פון הרב הצדיק רבי יהושע העשל אב"ד טלויסט, אז איינמאל איז ער געזעסן אין אריינגעקוקט אין ספה"ק נועם אלימלך, איז דורך געגאנגען זיין עלטער שוועד הגה"ק בעל תורת חיים מקאסוב זי"ע.

האט ער אים געפרעגט: "דו פארשטייסט וואס דו לערנסט דא?" האט ער געענטפערט: "ווי קען איך פארשטיין וואס דא שטייט? די וועלט זאגט דאך אז ווער עס קען פארשטיין דעם ספר נועם אלימלך קען מחיה מתים זיין!"

האט דער תורת חיים געזאגט: "איך זאג נישט אזוי, איך זאג אז ווער עס קען מחיה מתים זיין דער קען פארשטיין אין ספה"ק נועם אלימלך!".

ווידער דער רבי ר' מענדעלע רימנובער האט געזאגט: "ערב שבת קודש נאך די מקוה קען איך פארשטיין איין שטיקל נועם אלימלך" (כ"ק הגה"צ בעל פתחא זוטא זצ"ל במכתבו הנדפס בספר א"א)

* * *

מרן הקדוש מצאנז זי"ע האט געזאגט:

"דער בעשטה"ק און דער רבי ר' אלימלך האבן אנגעגרייט אוצרות מיט יראת שמים פאר אידישע קינדער ביז משיח וועט קומען!"

דער ראָפּשיצער רב זי"ע האט געזאגט אויפן רבי'ן ר' אלימלך:

"וואלט ער געווען בימי האמוראים וואלט ער געווען אן אמורא, בימי התנאים וואלט ער געווען א תנא, בימי הנביאים וואלט ער געווען א נביא, וואלט ער געווען בימי האבות וואלט מען געזאגט "אלקי אלימלך" אזוי ווי מען זאגט יעצט "אלקי אברהם" (דעם מאמר פלעגט רבי איציקל פון פשעווארסק נאכזאגן פון צאנזער רב וואס האט דאס געהערט פונעם ראפשיצער רב זי"ע)

* * *

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט אז דער ציעשנובער רב זי"ע האט געזאגט:

"דאס גאנצע חיות וואס מיר האבן איז ווייל עס איז נאך נישט דורך קיין הונדערט יאר פונעם רבי'ן רבי אלימלך זי"ע"

* * *

כ"ק אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר זי"ע האט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט:

"דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא זענען געווען אזוי גרויס ווי תנאים און אמוראים!" (מפי הגה"ח רבי חיים שנעעבאלג זללה"ה ששמע מפה קדשו בשיחה עם אביו הגה"צ רבי דוד צבי זצ"ל אבדק"ק מאנטשעסטער)

* * *

"עס איז מקובל ביי אידן אז ביי די יארצייט פון די דריי צדיקים זאגט מען נישט קיין תחנון: י"ט כסלו די יארצייט

פונעם רבי'ן ר' בער פון מעזריטש זי"ע. כ"א אדר די יארצייט פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע. ל"ד בעומר. די יארצייט פון רבי'ן ר' מענדעלע רימנובער זי"ע. ווייל עס איז מקובל פון צדיקים בעלי רוה"ק אז די צדיקים האבן אינגאנצן משלים געווען דער ענין פון זייער תיקון אויף די וועלט" (נהרי אש דף קנב)



דער אהל אין ליזענסק איז פארגרעסערט געווארן
דורך הרה"ח מו"ה מענדל רייכבערג שליט"א
אין שנת תשנ"ד

## דריטער קאַפּיטל

# דער הייליגער פּלאַץ

### די נשמה פון בעשטה"ק

דא אין די שטאט ליזענסק האט דער רבי ר' אלימלך זי"ע געוואוינט, און דא איז ער נסתלק געווארן כ"א אדר שנת תקמ"ז לפ"ק.

זיין ציון מקום מנוחת קדשו געפינט זיך דא אויפן בית החיים.

* * *

דער נאסודער רב הגה"ק רבי אברהם יושע פריינד זצ"ל האט דערציילט, אז דער רבי ר' אלימלך זי"ע איז אַמאָל אין א מוצאי שבת ארויסגעגאנגען מיט זיין תלמיד דער מאור ושמש זי"ע צום בית החיים.

ווען זיי זענען דארט געשטאנען האבן זיי געזען ווי פון הימל לאזט זיך אראפ א זויל פון פייער, אינעם פייער האט זיך געזען א געשטאלט פון א מענטש.

דער פייערדיגער זויל איז אנגעקומען ביז דער ערד און איז גלייך צוריק ארויף אין הימל.

האט דאן דער רבי ר' אלימלך געהייסן דעם מאור ושמש

ער זאל באַצייכענען פונקטליך דעם ארט וואו דער זויל האט אָנגערירט, ווייל ער וויל אז לאחר מאה ועשרים שנה זאל דארט זיין מקום מנוחתו כבוד.

דער רבי ר' אלימלך האט אים דעמאלט מגלה געווען אז דער עמוד האש איז געווען דער בעשטה"ק, וואס באמת איז ער אויך בחיים חיותו געווען א ברענענדיגער פייער, נאר איבערגעצויגן מיט הויט.

ווען דער רבי ר' אלימלך זי"ע איז נסתלק געווארן האט מען אים טאקע געלייגט דארט אויף דעם ארט ווי די נשמה פון בעשטה"ק איז אראפגעקומען פון הימל.

און אט דאס איז דער הייליגער ארט וואו עס שטייט היינט דער אהל על מקום מנוחתו כבוד.

*

לויט אן אן אנדערע גירסא האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט אז אויפן ארט וואו דער בעשטה"ק איז אַראָפּגעקומען זאל זיין דער קבר, און דארט ווי די פונקען האבן זיך צושפרייט זאל זיין דער אהל.

### דער צוים ארום דעם קבר

עס האט דערציילט הג"ר מאיר דוד טאבאק דומ"ץ בק"ק סיגוט, אז זייענדיג אויף ראש השנה אין שיניאָווא ביים שיניאווער רב זי"ע, איז ער אין איינע פון די עשרת ימי תשובה געפארן מיט א וואָגן קיין ליזענסק צום ציון פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע. (די שטאט ליזענסק געפינט זיך גאר נאָנט קיין

שיניאווא)

זייענדיג אין אהל האט ער זיך געוואונדערט פארוואס דער אייזערנער צוים ארום דעם ציון פון רבי'ן ר' אלימלך (דער צוים האט געמאכט דער תפארת שלמה פון ראַדאָמסק זי"ע) איז ברייטער ווי דער ציון.

אויך האט ער זיך געוואונדערט פאַרוואָס קיינער פון די קינדער און אייניקלעך ליגן נישט אין אהל נאר אינדרויסן אין פאָדערשטן צימער.

איז דארט געשטאנען א זקן מופלג, ווען ער האט געהערט ווי זיי וואונדערן זיך האט ער זיי געזאגט:

"אויב איר וועט מיך מיטנעמען אויף אייער וואגן קיין שיניאווא וועל איך אייך באשיידן אייער וואונדער".

האט דער זקן דערציילט:

- איך בין אַ תלמיד מובהק פונעם מאור ושמש, האב איך אַמאָל געהערט פון מיין רבי'ן דער מאור ושמש אַז ביי זיין רבי'ן דער רבי ר' אלימלך זי"ע, ווער עס האט זוכה געווען אים משמש צו זיין אַ נאכט, איז דאס געווען אַ גרויסע זכי'.

בסוף ימיו האט דער רבי ר' אלימלך זי"ע געהייסן אַז קיינער זאל אים נישט משמש זיין ביינאכט נאר דער מאור ושמש.

איינמאל האט דער רבי ר' אלימלך אים געזאָגט:

- גרייט דיך אויף די קומענדיגע נאכט! והתחזקת והיית

לאיש!

נאָנט צו חצות הלילה, האט דער רבי ר' אלימלך גענומען זיין שטעקן און איז ארויסגעגאנגען מיטן מאור ושמש אויפן באַרג אונטער די שטאָט וואו עס געפינט זיך דער בית החיים, זיי זענען אָנגעקומען צו אַ געוויסן ארט, דער רבי ר' אלימלך האט ארייַנגעלייגט די האנט פון מאור ושמש אין זיין גארטל און איז געבליבן אזוי שטיין אַ ווײַלע ווען זיינע אויגן קוקן צום הימל.

ווען עס איז געווארן חצות הלילה האט ער גענעבן אַ זאָג: "נא!", יענע רגע האט זיך געעפנט דער הימל און עס איז ארויסגעגאנגען אַ גרויסער פייער, פונעם פייער האט זיך צושפרייט פונקען און ליכטיגקייטן אויף די גאנצע וועלט, ביז דער מאור ושמש האט פון גרויס ליכטיגקייט נישט געקענט מער האלטן אפן די אויגן.

די פונקען פון די גאנצע וועלט האבן זיך צוזאמענגענומען און זענען אַראָפּגעקומען אויף דער ערד צופיסנס פון דעם ארט וואו זיי זענען געשטאנען.

נאך אַ שטיקל צייט האט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט: "גענוג!" און דעמאלט האט זיך די מורא'דיגע מראה אויפגעהערט.

האט דער רבי ר' אלימלך דערציילט פארן מאור ושמש:

- יעצט ווייסן מיר שוין וואָס עס איז געווען דער בעשטה"ק, ווייל שטענדיג האב איך מיך געוואונדערט

פארוואָס האט קיינער נישט זוכה געווען צום דעם נאמען "בעל שם טוב", האב איך געבעטן מען זאל מיר אים ווייזן, האט מען מיר געענטפערט אַז אויף דער וועלט קען מען מיר אים נישט ווייזן, נאר אויף יענע וועלט.

אבער מיר האבן געזאָגט אַז מיר ווילן דאס זען דוקא נאך אויף די וועלט, מיטן חומר'דיגען לבוש, האט מען אונז צוגעזאָגט אַז פאַר מיר וועלן אַוועקגיין פון די וועלט וועט מען אים אונז ווייזן, יעצט האט מען אונז געוויזן! דער גרויסער פייער איז געווען די נשמה פון בעשטה"ק, און די פונקן וולכע האבן זיך צושפרייט דאס איז זיין כח התורה והחסידות וואָס דורך זיי האַלט זיך די וועלט.

יעצט זאלסטו וויסן - האט דער רבי ר' אלימלך ווייטער געזאָגט צום מאור ושמש - אין עטליכע טעג ארום וועל איך נפטר ווערן פון די וועלט, ווען די תלמידים וועלן טראכטן וואו מיך צו לייגן, זאלסטו זיי זאגן אַז אָט דא, אויף דעם ארט וואו מיר שטייען יעצט, וואָס דא איז געגאנגען די נשמה פון בעשטה"ק, דא זאל זיין מיין מקום מנוחה!.

דער רבי ר' אלימלך האט דאַן אַליין גענומען פיר שטיקלעך האלץ און עס ארייגעשטעקט אין דער ערד אָנצוצייכענען דאס ארט.

א קורצע צייט נאכדעם איז דער רבי ר' אלימלך נסתלק געווארן. מען האט אים טאַקע געלייגט אויף דעם ארט.

און ווייל דאס ארט איז אזוי הייליג האט מען מורא געהאט צו לייגן דארט די קינדער און אייניקלעך.

דערפאַר האט דער תפארת שלמה געמאכט אזא ברייטן צוים, ווייל דער ברייטער ארט איז אזוי אנגעצייכנט געווארן פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.



**דער ציון הקדוש פארראכטען און ארומגענומען געווארען מיט א נייעם הערליכען גדר דורך הרה"ח מו"ה מענדל רייכבערג שליט"א אין שנת תשנ"ה**

## פערדער קאַפּיטל

# דאס גרויסקייט פון פאָרן צום ציון הקדוש

### מסוגל אויף תשובה און יר"ש

נאך פאַרצייטנס איז געווען איינגעפירט דאס קומען צו פארן צום ציון הקדוש פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

דער רבי ר' מענדעלע רימונבער זי"ע האט געזאגט אז עס איז א סגולה פאר אן התעוררות תשובה צו זיין אויפן ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע!

* * *

"איך האב געהערט בשם הרה"ק רבי מאיר'ל פון פרעמישלאן זי"ע וואס האט געזאגט אז ווער עס וויל האבן יראת שמים באמת זאל גיין אויפן ציון פון הרבי ר' אלימלך און דארט מתפלל זיין וועלן זיינע ווערטער עושה פירות זיין" (דברי יצחק להגה"צ מסוואליא אות ל"ח)

* * *

"איך האב זוכה געווען צו זיין איינמאל כ"א אדרביים ציון אין ליזענסק, זענען דארט געווען א סאך מענטשן, האבן זיי

מיר געזאגט אז זיי האבן בקבלה אז דער ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך איז מסוגל צו יראת שמים" (שו"ת הד"ר סימן כ"ה)

* * *

איך האב געהערט אז עס איז דא א סגולה אז ווער עס איז געוועןביים ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך וועט נישט שטארבן אָן תשובה. (שו"ת הד"ר סימן כ"ח)

## דער מאור ושמש אויפן ציון

"איך האב אליין געהערט פון אן אייניקל פונעם רבי'ן ר' אלימלך וואס האט דאס געהערט פון הייליג מויל פון הרה"ק רבי ארון קראקעווער דער זון פון מאור ושמש זי"ע, וואס ער האט דערציילט אז איינמאל איז ער, און זיין ברודער דער "גוטער יוד" פון ניישטאַט זי"ע, געפאָרן מַיט זייער טאַטן קיין ליזענסק צום ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך, האט ער זיך אויסגענומען מיט זיי און מיט די אנדערע מענטשן וועלכע זענען געפאָרן מיט אים זיי זאלן אים לאזן אליין ביים ציון, קיינער פון זיי זאל נישט ארייננקומען אינמיטן.

עס איז דורך א לאנגע צייט און ער קומט נאך אלס נישט ארויס, האבן זיי זיך זייער שטארק דערשראקן, ווייל זיי האבן געוואוסט אז עס איז נישט זיין סדר אזוי לאנג צו פאַרברענגען ביים ציון, האבן זיי אויפגעבראכן די טיר (ווייל דער מאור ושמש האט געהאט פאַרשפאַרט די טיר פון אינוויינינג) האבן זיי געטראפן ווי ער ליגט אויף ציון ממש, בפישוט ידים ורגלים, ממש זה כנגד זה.

האבן זיי אים פראָבירט אויפוועקן עס איז אבער נישט געגאנגען, ערשט נאך שטארקע באמיאונגען איז זיי געלונגען אים צו דערמונטערן.

ווען ער האט זיך דערוועקט האט ער געזאגט צו זיי מיט התרגשות:

"וואס האט עטץ מיר געטאן? ווען עטס וואלטס מיך געלאזט ליגן א פאָר מינוט וואלט איך געגאנגען גלייך מיטן רבי'ן אין גן עדן אריין!" (אהל אלימלך במכתב הגה"צ בעל פתחא זוטא זצ"ל)

## דער רבי ר' אלימלך איז דא געבליבן

איינמאל ווען דער תפארת שלמה איז געפאָרן קיין ליזענסק, איז ער דורך געפאָרן די שטאָט קראָקא. האט ער געזאָגט:

"די קראָקעווער לומדים וועלן נישט פארשטיין, פארוואָס איך פאָר דורך קראקא, ווי עס ליגן אויפן דארטיגן בית החיים גדולי עולם (דער ב"ח", דער "רמ"א", דער "מגלה עמוקות". און נאך אַ סאך גדולי ישראל) און איך פאָר גאר ווייטער קיין ליזענסק?. נאר צדיקים פון גן עדן ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך דא אויף דעם עולם, אויסער דער רבי אלימלך זי"ע וואָס ער ווייסט יא, ווייל ער האט זיך אויסגעארבייט ער זאל יא זיין דא צווישן אונז"

* * *

דער ציעשונבער רב זי"ע האט אַמאָל געזאגט:

"עס איז נישטאָ וואָס צו פאָרן אויף קברי צדיקים נאר ביי זייער יארצייט, ווייל די נשמות פון די צדיקים זענען נישט דארט נאר אין טאג פון די יארצייט, אויסער צום ציון פון רבי'ן ר' אלימלך און פון צאנזער רב זי"ע איז גוט צו פאָרן א גאנץ יאר, ווייל זיי האבן אויסגע'פועל'ט זיי זאלן האבן שייכות מיט די וועלט א גאנצע צייט!"

* * *

הגה"ק בעל אבני נזר מסאכטשוב זי"ע האט אַמאָל געזאגט ל"ג בעומר זיצענדיג ביים טיש:

"הגם עס זענען פאַרהאַן צדיקים וועלכע האבן זוכה געווען מען זאל זייער הייליגן גוף טראָגן קיין ארץ ישראל, איז אבער דער הייליגער גוף פונעם רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע געבליבן דאָ אין חוץ לארץ. און ווער עס ווייסט דעם סוד פאַרוואָס עס איז דא א גרעסערע שמחה ביי די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, מער ווי ביי אלע אנדערע תנאים, דער ווייסט אויך דעם טעם פאַרוואָס נאר דוקא ביים רבי'ן ר' אלימלך זי"ע איז זיין הייליגער גוף געבליבן אין חוץ לארץ" (אביר הרועים אות ע"ה)

* * *

דער בלאָזשובער רב הגה"ק רבי צבי אלימלך בעל צבי לצדיק זי"ע האט אַמאָל געזאגט:

"ווען דער רבי ר' אלימלך זי"ע איז נסתלק געווארן האבן די מלאכים ארייגעטראגן זיין הייליגן גוף אין גן עדן. אבער אין די איינע רגע וואס זיין הייליגער גוף איז געווען באהאלטן אינעם קבר איז דער מקום פון קבר אזוי נתקדש געווארן אז אידישע קינדער קענען דארט תשובה טוען און פועל'ן כל מיני ישועות. (אוצ"י ששמע מהרה"ק בעל שומרי אמונים ששמע מהרה"ק מבלאזשוב)

## מקום קיבול תפלות

הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל ממאגלניצא זי"ע האט דערציילט, אז זיין מוטער די באוואוסטע צדיקת מרת פערל ע"ה, די טאכטער פון קאזניצער מגיד זי"ע, איז אַמאָל געפאָרן קיין ליזענסק צום ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

אונטערוועגנס איז זי געווען אויף שבת אין ניישטאַט ביים מאור ושמש זי"ע.

האט דער מאור ושמש איר אָפּגערעדט פון פאָרן צום ציון קיין ליזענסק, ער האט צו איר געזאגט: "וואס האט א פרוי צו פאָרן צום ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך?".

אויך האט ער איר געזאגט: "דער רבי ר' אלימלך געפינט זיך שוין אין גאר אן הויכן היכל אין עולם העליון אז עס איז שוין נישטא קיין ניצן צו זיין אויף זיין קבר" אזוי און נאך ענליכס האט איר דער מאור ושמש געזאגט אָפּצורעדן פון פאָרן.

צומארגנס האט דער מאור ושמש איר געלאזט רופן און

איר דערציילט:

"מיין רבי דער רבי ר' אלימלך איז געקומען צו מיר די נאכט און מקפיד געווען אויף מיר, ער האט מיך געפרעגט: פאַרוואָס רעדסטו אפ די צדיקת זי זאל נישט פאָרן אויף מיין קבר? הזהר והשמר זאלסטו איר יעצט צוריק צורעדן זי זאל יא פאָרן אויף מיין קבר, זי וועט אי"ה דארט געהאלפן ווערן מיט אלע אירע בקשות!"

דער מאור ושמש האט איר דעמאלט אליין באַזאָרגט מיט א וואָגן צו פארן צום ציון. (ת"ה וואס דער מחבר האט אליין געהערט פון הרה"ק ממאגליניצא זי"ע)

* * *

מען האט אַמאָל געפרעגט די טאכטער פונעם רבי'ן ר' אלימלך נאך די הסתלקות פון איר הייליגן טאטן צו מען קען נאך היינט אויך געהאלפן ווערן ביי איר טאטן?

האט זי געענטפערט: "אז דער טאטע האט געקענט אין די שיך קען ער אין די זאקן אוודאי!"

(דהיינו אז ער האט געקענט בחייו קען ער אוודאי לאחר פטירתו, ווי די חז"ל זאגן גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם. (אוצ"י ששמע מהרה"ק בעל שומרי אמונים ששמע מהרה"ק מבלאזשוב)

## פינפטער קאַפּיטל

# תל תלפּיוֹת

### מאַסן שטראָמען קיין ליזענסק

די לעצטע יארן פאר די צווייטע וועלט מלחמה, פלעגן טויזנטער אידן פון איבעראַל קומען צו פאָרן אויפן ציון פון רבי'ן רבי אלימלך זי"ע אין ליזענסק.

דאס איז אויך געקומען אין זכות פון הגה"ק בעל תפארת שלמה פון ראדאמסק זי"ע, ער האט דאס איינגעפירט און דורכגעפירט אז דער ציון הקדוש פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע זאל זיין א וואנד פונקט פאר טויזנטער אידן פון איבעראל.

דער תפארת שלמה זי"ע האט איבערגעבויעט דעם אהל אויפן ציון הקדוש. אויך האט ער געבויעט אַ צוים ארום דעם קבר, מען זאל חלילה נישט טרעטן דערויף, און האט איינגעפירט עס זאל שטענדיג ברענען אַ ליכט אין אהל, אַ נר תמיד, לכבוד דעם הייליגן צדיק וואָס ליגט דארט.

ער האט אויך געווירקט און צוריק איינגעפירט אַז מען זאל פאָרן צום ציון קיין ליזענסק, דורך אים האבן טויזנטער אידן פון איבעראל געשטראמט קיין ליזענסק אויפן הייליגן ציון, ביי די יארצייט און אויך אַ גאנץ יאר.

ער האט זיך אַמאָל אויסגעדריקט:

"ברוך השם אַז מיר האבן דערהויבן דעם כבוד פון רבי'ן רבי אלימלך זי"ע"

**דער טייערער ניסען בוים**

דער תפארת שלמה אַליין, כאטש ער איז געווען אַ כהן וואָס טאר נישט גיין אויף קיין קברים, דאך פלעגט ער פאָרן יעדעס יאר אויף די יארצייט פון רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, קיין ליזענסק.

אויך פלעגט ער פאָרן יעדעס יאר אין חודש אלול קיין ליזענסק, און זיין דארט עטליכע וואכן.

נעבן אהל איז געווען אַ פעלד וואָס האט געהערט פאַר אַ גוי, דארט האט ער געהאט אַ באשטימט ארט, וואו מען האט אויפגעשטעלט ווענט פון דריי זייטן, און די פערדע זייט איז געבליבן אָפען קעגן איבער די פענסטערס פון אהל. אין דעם ארט פלעגט ער זיצן, איינער אַליין, לאנגע שעות.

ווען ער פלעגט פערטיג ווערן, פלעגט דער עולם מעגן אריינקומען אהין ער האט דארט גענומען קוויטלעך און געטרינקען "לחיים" מיטן עולם, און גאר אַ סאך מופתים האט ער דארט באוויזן.

דער גוי דער אייגנטימער פונעם פעלד, האט נאך יארן שפעטער געהאלטן הייליג דאס ארט וואו דער תפארת שלמה פלעגט זיצן, און פלעגט דארט גארנישט אנזייען און נישט אקערן.

יארן שפעטער, עטליכע און פערציג יאר נאך די פטירה

פון תפארת שלמה זי"ע, האט דער אייגנטימער דערציילט פארן תפארת שלמה'ס אַן אייניקל, אַז אין זיין דאזיגן פעלד וואקסן דריי ניסעןביימער, אייינע פון די ביימער גיט ארויס אזויפיל ניסען, אַז ער פארדינט פון דעם דריי הונדערט קראָנען אַ יאר! (א גאר גרויסע סומע אין יענע צייט) און ער איז זיכער אַז דאס איז נאר אין זכות פונעם תפארת שלמה וועלכער פלעגט זיצן אין דעם פעלד.

## ערב שבת ביים רבי'ן רבי אלימלך

אויך האט ער זיך נאָכגעפרעגט אין ליזענסק, צו עס געפינט זיך דארט איינער וואָס האט נאך זוכה געווען צו קענען דעם רבי'ן רבי אלימלך זי"ע. האט מען אים דערציילט, אַז עס וואוינט דא אַ אידענע, וואָס זי איז געווען אַ באדינערן אין רבי'ן רבי אלימלך'ס הויז.

ווען דער תפארת שלמה האט דאס געהערט, האט ער געבעטן מען זאל איר אריבער רופן צו אים.

ווען די אידענע איז געקומען, האט זי אים דערציילט, אַז זי מיט נאך אַנדערע, זענען געווען באדינערנס אין רבי'ן רבי אלימלך'ס הויז. אַ גאנצע וואך פלעגן זיי זיך אפט ארום קריגן איינע מיט די אַנדערע. אבער פרייטאג ערב שבת קודש, און בפרט פרייטאג פארנאכטס, איידער דער שבת קומט אָן, פלעגט פאלן אויף זיי אַ געוואַלדיגער פחד און גרויס פאָרכט, און עס פלעגט זיי באנעמען אזא ערנסקייט, ווי אידן האבן געווענליך ערב יום כיפור פארנאכטס. זיי פלעגן זיך דאַן

איבער בעטן איינע די אַנדערע, און בעטן מען זאל זיך מוחל זיין אויף וואָס מען האט זיך אַ גאנצע וואך וויי געטאן.

זייער פּאָרכט פלעגט זיין אזוי גרויס, אַז ווען זיי האבן געטראגן די טעפּ מיט טשאָלענט אריינצולייגן אין אויוון, פלעגן זייערע הענט ציטערן פון גרויס שרעק. אזוי פלעגט זיין יעדע וואך ערב שבת קודש פארנאכטס.

(דאס איז געוועזן דער גרויסער כח פון רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, אַז ער האט אריינגעברענגט אַ פחד און אַ התעוררות אפילו אין די הערצער פון די פשוט'ע אידן, אַז אויך זיי זענען דערוועקט געווארן תשובה צו טאן פאַר דער הייליגער שבת קומט אן, מיט אזא התעוררות און מורא, ווי אידן האבן ערב יום כיפור פאַר עס קומט אָן דער הייליגסטער טאג פון יאר)



**דאס באשטימטע ארט ווי מען צינדט לעכט געפינט זיך אין די לינקע זייט פון די אהל**

## זעקסטער קאַפּיטל

# די קברים אין אהל

### דער אהל אינווייניג - פאַרן קריג

ביז די קריג איז דער אהל וואס איז געשטאנען אויף ציון הקדוש באשטאנען פון צוויי צימערן. דער אהל אליין מיט א פאָדער צימער.

אינווייניג אין אהל איז געלעגן נאר דער רבי ר' אלימלך אליין, אינדדרויסן אין פאדערשטן צימער זענען געלעגן די קינדער און אייניקלעך פונעם רבי'ן ר' אלימלך.

אויפן ציון פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע איז געשטאנען א מצבה. אבער אויף אלע אנדערע קברים, אין פאדערשטן אהל, זענען נישט געווען קיין מצבות, ווייל עס איז נישט געווען קיין פלאַץ דערפאר, נאר אויף די וואנט איז געווען ארויפגעקריצט די מצבות.

* * *

אויף די מצבה פונעם רבי'ן ר' אלימלך איז געשטאנען אויסגעקריצט:

פ"נ

הרב החסיד האמיתי איש אלקים

עטרת תפארת קדוש ישראל מנורה הטהורה בוצינא דנהורא

המפורסם נ"י ע"ה פ"ה כק"ש ומפואר

מו"ה אלימלך זצללה"ה

בעה"מ ספר הקדוש נועם אלימלך

נפטר ביום א' כ"א אדר תנצב"ה לפ"ק

***

אט ווי פאלגענד שילדערט איינער (פאַרן קריג) זיין נסיעה קיין ליזענסק צום ציון:

"די מצבות אינעם פאדערשטן צימער זענען אויסגעקריצט אויף די וואנט, ווייל עס איז נישטאָ קיין פלאַץ צו לייגן די מצבות אויף די קברים.

דארט ליגן: הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע. ביי די זייטן פון די ווענט זענען די ציונים פון: "רבי נתן יחזקי' במהור"ר צבי". הרה"ק רבי אליעזר ליפא מחעמעלניק זי"ע בעמח"ס אורח לצדיק בן הרבי ר' אלימלך. הרה"ק רבי נפתלי מליזענסק זי"ע (בהרה"ק רבי אלעזר זי"ע)"

***

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף יעדן פון זיי באזונדער.

## רבי אלעזר פון ליזענסק

רבי אלעזר ליזענסקער זי"ע איז געווען דער עלטסטער זון פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

הגה"צ בעל פתחא זוטא זצ"ל שרייבט וואס ער האט געהערט מפ"ק פון זיין רבי'ן הרה"ק רבי ברוך'ל מגארליץ זי"ע, אז רבי אלעזר ליזענסקער זי"ע האט אלס יונג קינד געלערנט אינאיינעם מיט איינע פון זיינע ברודער ביי א מלמד. איז דער מלמד געקומען זיך אָפּרעדן פאַרן רבי'ן ר' אלימלך אז די קינדער ווילן נישט לערנען מיט אים.

האט דער רבי ר' אלימלך געפרעגט דעם מלמד: "ביי וועלכן מלמד האסטו געלערנט אלס קינד?" האט דער מלמד געזאגט דעם נאמען פון זיין מלמד, וועלכער איז געווען אן ערליכער איד א ירא שמים, האט דער רבי ר' אלימלך ווייטער געפרעגט: "און ביי וועמען האסטו געלערנט איידער דו ביסט געקומען לערנען צו יענעם?" האט דער מלמד אויסגערעכנט אלע זיינע מלמדים ביי וועמען ער האט אלס געלערנט, אלע זענען זיי געווען יראי ה', דער רבי ר' אלימלך האט אבער ווייטער געפרעגט ער זאל זיך דערמאנען ווער נאך עס איז געווען צווישן זיינע מלמדים, ביז דער מלמד האט זיך דערמאנט אז איינער פון זיינע מלמדים האט געהאט א באהעלפער וועלכער איז נישט געווען קיין ערליכער, ווען דער רבי ר' אלימלך האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן: "אויב אזוי זענען דאך מיינע קינדער גערעכט אז זיי ווילן נישט

לערנען ביי דיר!"

* * *

דער רבי ר' אלימלך האט אַמאָל געזאגט: אויב זאל איך נישט האַלטן מיין רבי אלעזר'ן ביי מיין טיש און אים מפרנס זיין דעמאלט פון וואס פאר א זכות וועל איך לעבן? מיין גאנצער חיות איז נאר אין זכות וואס איך בין אים מפרנס!

* * *

רבי אלעזר ליזענסקער זי"ע איז נסתלק געווארן כ"ח תמוז שנת תקס"ו.

**דער "אורח לצדיק" רבי אליעזר ליפא פון חעמעלניק**

דער צווייטער זון פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע וואס ליגט אין אהל (א דריטער זון: הרה"ק רבי יעקב זי"ע, איז געווען רב אין מאָגליניצא, ושם מנ"כ) איז הרה"ק רבי אליעזר ליפא אבדק"ק חעמעלניק (רוסיש פוילן) בעמח"ס אורח לצדיק.

דער רבי פון לובלין זי"ע האט אויף אים געזאגט אז ער דארף האבן ניין מלאכים צום מנין, מרוב קדושתו.

ער איז נסתלק געווארן כ"ו אדר שנת תקע"ג.

שושן פורים א פאָר טעג פאר זיין הסתלקות, האט ער נאך געפירט טיש ביי זיך אין שטאט אין חעמעלניק. ביי יענעם טיש האט ער געבענטשט יעדן מיט זיינע ברכות, דאן האט ער זיך פון זיי געזעגנט און איז געפאָרן קיין ליזענסק וואו ער איז

באלד דערויף נפטר געווארן.

### רבי נפתלי פון ליזענסק

אין אהל ליגט אויך הרה"ק רבי נפתלי ליזענסקער זי"ע.

רבי נפתלי ליזענסקער זי"ע איז געווען א זון פון הרה"ק רבי אלעזר ליזענסקער זי"ע.

א סאך פון די צדיקי הדור האבן משתוקק געווען ער זאל ווערן רבי, ער האט זיך אבער אַנטזאגט, ער פלעגט מיט די געוואלד פארטרייבן חסידים וועלכע האבן געוואלט קומען צו אים.

דער צאנזער רב זי"ע איז אַמאָל געפאָרן צו אים אינאיינעם מיט רבי שלום קאמינקער זי"ע.

איידער זיי זענען אָנגעקומען אהין - ווען רבי נפתלי האט זיי באמערקט קומען פון דערווייטנס - האט ער זיך געשטעלט אויפן בערגל וואו זיי האבן געדארפט ארויפפאָרן און זיי געוויזן מיט די האנט זיי זאלן צוריק פאָרן. ווען זיי האבן דאס געזען איז אויף זיי געפאלן אַ פחד און האבן זיך געמוזט אויסדרייען און צוריק פאָרן.

* * *

רבי נפתלי פלעגט פאָרן אויף שבתים צום ראָפּשיצער רב זי"ע. ווען ער פלעגט זיין אין ראָפּשיץ פלעגט דער ראָפּשיצער רב אויסטאן די ווייסע בעקישע לכבודו, און רבי נפתלי פלעגט דערויף זאגן: "הלואי וואלט איך נישט געבוירן געווארן אז

דער הייליגער רב זאל אויסטאן די ווייסע בעקישע פאר מיין כבוד וועגן!"

* * *

הרה"ק רבי איציקל סטיטשינער זצ"ל האט דערציילט אז נאך זיין הסתלקות האט מען געטראפן אז ער פלעגט גיין אנגעטאן א גארטל מיט נעגל אריינגעשטעקט אין קערפער!

* * *

רבי נפתלי איז נסתלק געווארן כ"ה חשון שנת תקצ"ט.

ווען ער איז נסתלק געווארן איז שוין נישט געווען קיין פלאַץ אין אהל ווי אים צו לייגן.

איז זיין פלימעניק (א זון פון זיין ברודער הרה"ק רבי מענדל בער) הרה"ק רבי אלימלך רודינקער אריינגעגאנגען און אהל און געזאגט:

"מאכט פלאַץ פארן פעטער! ווייל אז נישט וועל איך מתיר זיין דעם חרם (וואס מען האט געמאכט אז מען זאל קיינעם נישט ארייגלייגן אין אינווייניגסטן אהל וואו דער רבי ר' אלימלך ליגט) און איך וועל אים אריינלייגן צום רבי'ן ר' אלימלך, ער וועט אפילו גאר נישט ברוגז זיין!"

דאן האט רבי אלימלך רודניקער געהייסן אָנפאַנגען גראָבן.

האט מען כמעט געזען בחוש ווי די קברים פוןביידע זייטן צוריקן זיך און מאכן פלאַץ!

### רבי נתן אחי הר"ר אלימלך

דאס וואס יענער שרייבט אז אין אהל איז געווען א מציבה פון "ר' נתן יחזקי' בן צבי" איז אונז נישט באקאנט ווער דאס איז געווען.

ווי כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א דערציילט, ליגט דארט אין אהל רבי נתן, א ברודער פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע. ער האט אבער נישט געהייסן "בן צבי" נאר "בן רבי אלעזר ליפמאן".

ווי קומט דער רבי נתן קיין ליזענסק? אויף דעם איז דא א סיפור. רבי נתן ער איז נישט געווען קיין חסיד. (אין אנדערע מקורות ווערט געברענגט אז ער האט געוואוינט אין ביַאלעסטאָק, און אז ער איז געווען א גרויסער גאון וצדיק. זיינס אן איינקל, א זון פון זיין טאכטער, האט זיך צוגעטשעפעט צו חסידים און איז געווארן א חסיד פון הרה"ק רבי יוסף מטארטשין זי"ע בן הרבי מלובלין זי"ע. און שפעטער מגדולי החסידים ביי הרה"ק מפרשיסכא וקאצק, חי' הרי"ם מגור, רבי איציקל מנעסכיז. ער איז באוואוסט געווען אין פוילן מיטן נאמען: "רבי ברוך טשיזיבער". נאך רבי איציקל נעשכיזערס הסתלקות איז ער אליין געווארן א רבי און מנהיג פאר אן עדה חסידים, ער איז נפטר געווארן כ"ב אב תרל"ז ומנ"כ אין ווארשא)

פאַר זיין פטירה איז ער נישט געזונט געווען, האט ער געזען אין חלום ווי ער שטייט פארן בית דין של מעלה, דער בית דין של מעלה האט אים אָפגע'פסק'נט למיתה, פלוצלינג קומט אריין אהין זיין ברודער דער רבי ר' זושא זי"ע (וועלכער

איז נאך דעמאלט געווען בחיים חיותו) אונטערן ארעם האלט ער דעם ספר נועם אלימלך, און ווייזט אים מיט די האנט ער זאל צוריק אַראָפּגיין אויף דער וועלט.

רבי נתן האט זיך אויפגעכאַפּט און איז תיכף געפאָרן קיין ליזענסק (דאס איז שוין געווען נאך די הסתלקות פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע) וואו ער איז קורץ דערנאך נפטר געווארן און מען האט אים געלייגט אין אהל פון זיין הייליגן ברודער דער רבי ר' אלימלך זי"ע.

### דער חדב"נ רבי שמואל צורף

כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א דערציילט אז אין אהל ליגט אויך אן איידעם פונעם רבי'ן ר' אלימלך, רבי שמואל צורף, דער מאן פונעם רבי'ן ר' אלימלך'ס טאכטער הצדיקת מרת מיריש (וועלכע ליגט אין רימנוב)

(עס איז באקאנט אן אנדערער מאן פון מיריש, רבי אלי' פון שדה לבן, מסתמא איז דער רבי שמואל צורף געווען איר מאן בזיווג ראשון אדער שני)

## זיבעטער קאַפּיטל

# דער ציון ביי די קריג און היינט

### בימי הרת עולם

ביי די צווייטע וועלט מלחמה האבן די דייטשע רוצחים איינגעווארפן דעם אהל. דאס איז געווען גלייך אין אָנפאַנג פון די קריג.

אין ספר "שלהבת שלא קפאה" שילדערט דער מחבר זייער "באזוך" אין ליזענסק אינמיטן ווינטער שנת ת"ש ווען די רוצחים ימ"ש האבן זיי אהין געברענגט פון זייער שטאט: קאליש. זיי זענען איינגעשטאנען אין אן הויז אין די גאס קעגן איבער דעם בית החיים (די גאס שטייט נאך היינט) פון פענסטער האט מען געקענט זען דעם ציון הקדוש. שוין דעמאלט איז דער אהל געווען איינגעווארפן.

ער שרייבט אז די ליזענסקער אידן האבן זיי דערציילט אז די רוצחים האבן זיך דערוואוסט אז דאס איז אן הייליג ארט וואו אידן קומען מתפלל זיין דערפאַר האבן זיי דאס צושטערט. אנדערע האבן געזאגט אז די פּאָלאַקן האבן גע'מסר'ט אז אידן באהאלטן דארט גאלד, און דאס איז די סיבה פאַרוואָס די רוצחים האבן צושטערט דעם אהל.

ווען זיי האבן געוואלט אריבערגיין די גאס צוגיין צום צום ציון האבן זיי געטראפן דארט הענגען א שילד מיט אן אויפשריפט אויף דייטש: "צוטריט פאַרבאָטן, ווער עס וואלט עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט וועט גלייך דערשאסן ווערן! נעבן ציון איז געשטאַנען טאג און נאכט א זשאַנדאַר און געהיט אז קיינער זאל נישט צוגיין צום ציון.

זיי האבן אבער געהאט שטארק חשק צוצוגיין צום ציון. איין טאג האבן זיי געזען אז קיינער היט נישט ביים ציון, זענען זיי שנעל אריבערגעלאפן די גאס און צוגעגאנגען צום ציון.

זיי האבן גענומען מתפלל זיין. פלוצלינג האט זיך אויפגעוועקט דער זשאַנדאַר וועלכער איז געשלאפן דארט אין די זייט און א געשריי געטאן: "די הענט אין די הייעך!" זיי האבן געמיינט אז עס איז געקומען די לעצטע מינוט, דער רוצח גייט שוין שיסן, דערווייל האט דער רשע נישט געשאסן נאר געגעבן א געשריי: "שנעל לאופן"

וואס דארט איז געווען? צו האט ער חרטה געהאט און נישט געוואלט שיסן, צו האט דער רעוואלווער נישט געארבייט, האבן זיי נישט געוואוסט, דער עיקר אז זיי זענען ניצול געווארן.

## דער אהל היינטיגן טאג

דער אהל איז נאך די קריג אויפגעבויעט געווארן אויפן ארט וואו עס איז געשטאנען דער אלטער אהל.

ווידער האבן אידן אנגעהויבן קומען קיין ליזענסק צום הייליגן ציון, ווידער האט דער אהל גענומען איינזאַפּן אין זיך טייכן אידישע טרערן.

הרה"ח רבי מענדל רייכבערג שליט"א, דער ראש וראשון אויף יעדע זאך וואס האט א שייכות מיטן איבערבוי און הצלה פון קברי צדיקים אין פוילן, האט גענומען איינפירן גרופּעס צו פאָרן קיין פוילן, קיין ליזענסק.

דורך זיין מוה און כח איז ווידער באנייט געווארן די נסיעות קיין ליזענסק כמעט ווי אַמאָל פאַר די קריג. ביז צום היינטיגען טאג ווען טויזנטער אידן זענען זיך משתטח אויפן הייליגן ציון אין טאג פון די יאָרצייט, אויסער די הונדערטער אידן וועלכע קומען אהין איבערן יאר.

אז מאַסן אידן האבן גענומען שטראָמען קיין ליזענסק, בפרט כ"א אדר אין טאג פון די יארצייט, איז דער גרויסער אהל געווארן צו קליין ארייננצונעמען דעם-עולם. בפרט האט זיך וויכטיג אויסגעוועלט אן עזרת נשים, פאַר די הונדערטער נשים וועלכע קומען אהין צו די יארצייט, האט הרה"ח רבי מענדל רייכבערג שליט"א געלאזט צובויען פוןביידע זייטן צום אהל אויף אן אופן פון "פותח טפח" אז אויב עס זענען דארט פאַרהאַן קברים זאל מען נישט טרעטן ח"ו אויף די קברים. אזוי אז דער אהל איז כמעט פארדאָפּלט געווארן. און עס איז צוגעקומען אן עזרת נשים, מיט באזונדערע טירן צו די נייע פליגלען, כדי עס זאל נישט צוקומען צו קיין תערובות ח"ו. ביי דעם הייליגן ארט.

אויך האט הרה"ח רבי מענדל רייכבערג שליט"א געמאכט פארשידענע וויכטיגע תיקונים אין אהל. ווי אן ארט פאר ליכט, פארשטערקערט דעם גדר ארום דעם ציון הקדוש, אאז"וו. אזוי איז ווידער באנייט געווארן די נסיעות קיין ליזענסק וואס טויזנטער אידן קומען אהין פון אלע עקן וועלט לשפוך שיח ולפעול כל מיני ישועות.



**אידן זענען מתפלל ביים הייליגען ציון פון רבינו הקדוש איש האלוקים רבי ר' אלימלך זי"ע ביומא דהילולא קדישא כ"א אדר**

# אכטער קאַפּיטל

# דער לשון הזהב

### אוהב דבוק מאח

דא אין ליזענסק געפינט זיך אויך דער מקום מנוחתו פון הגה"ק רבי זאב וואלף זצ"ל אבדק"ק ליזענסק בעמח"ס לשון הזהב.

רבי זאב וואלף (בן מוהר"ר אלעזר) איז געווען א גאר נאָנטער חבר מיטן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

דער שיניאווער רב זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה אויפן ספר לשון הזהב אז רבי זאב וואלף איז געווען אן: "אוהב דבוק מאח" פארן רבי'ן ר' אלימלך.

אין זיין ספר לשון הזהב דערמאנט ער מיט גרויס צער די פטירה פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, ער שרייבט (אין אנפאנג פון מסכת שבת)

> "אמנם עתה בשנת תקום תרחם ציון כאשר ניטלה הוד תפארת דתה"ק וידידי אוה"נ צמיד לבי החסיד המנוח מוהר"ר אלימלך זצלה"ה זי"ע ועכי"א נסתלק ועלה למרום"

אין ספה"ק נועם אלימלך איז געדרוקט זיין הסכמה "הסכמת הרב הגאון הגדול החסיד המפורסם בדורו אב"ד

דק"ק ליזענסק"

אין די הסכמה שרייבט ער אויפן רבי'ן ר' אלימלך:

"פה קדוש איש אלקים נר ישראל וקדושו... אשר מכירו הייתי לשעבר וזה כמה שנים אשר נתקבלתי פה קהילתנו מקום תכינתו מקור מים חיים אשר רבים שתו וחיו לשכנו דרשו ובאו מקצה ארץ ועד קצהו.... ואמרתי שגם מזה נודע גודל צדקתו וענותנותו שלא רצה להתגלות את עצמו כל כך בחייו כאשר הי' דרכו תמיד להקטין את עצמו"

**געכאַפּט די עבירות**

דער לשון הזהב איז געבוירן שנת ת"מ לפ"ק.

דער ראַדזינער רבי זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה אויפן ספר לשון הזהב אז ער איז געווען א תלמיד פון בעשטה"ק זי"ע.

דער מוציא לאור פון ספר לשון הזהב שרייבט אז דער שיניאווער רב זי"ע האט דערציילט "דברים נוראים ונפלאים" וואס עס איז געווען צווישן רבי זאב וואלף מיטן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

דער אלטער רבי פון ווארקא הרה"ק רבי יצחק'ל זי"ע האט דערציילט, אז דער לשון הזהב איז אַמאָל געגאנגען תשליך אינאיינעם מיטן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

ווען דער רבי ר' אלימלך האט זיך אויסגעשאָקלט די טאַשן - ווי דער מנהג איז, האט זיך דער לשון הזהב אָנגערופן

צו אים:

"איך וויל זען וואו איר וואַרפט אַראָפּ די עבירות, ווייל איך וויל זיי אויפהייבן און נעמען פאַר מיר!"

* * *

דער לשון הזהב איז נסתלק געווארן שנת תקנ"ג אין טיפן עלטער פון הונדערט און דרייצן יאר! ומנ"כ דא אין ליזענסק.




גרויסע לעכט ברענען פון
יום כ"א אדר ביז ערב ר"ח ניסן

**ברכת התורה מכ"ק מרן אדומו"ר הגה"ק שליט"א**
**על בימת הארון הקדוש בעת הכנסת ספר תורה**
**בבית המדרש הגדול דבאבוב בהשתתפות אלפי אלפים מישראל**
**ג' דחול המועד פסח תשנ"א לפ"ק**

מיר וואונטשען א ברכת התורה, א ברכת מצות כתיבת ספר תורה פאר **ר' מענדל רייכבערג נ"י** ער האט זיך בוחר געווען א הייליגע מצוה, און א פרנסה צוברענגען אידן מתפלל צו זיין אויף קברי צדיקים, אונז זעמער געפארן צום ערשטן מאל פאר 16 יאר (תמוז תשל"ה) קיין פוילן על קברי צדיקים, ער האט דעמאלט צום ערשטן מאל אנגעפירט מיט די נסיעה, מיר זעמער געפארן צוזאמען 120 אידן ביז אייראפע, אין האלאנד זענען מיט געקומען נאך אידן פון אייראפע און מיר זענען צוזאמען געפארן קיין צאנז **צום הייליגן צאנזער זיידן, צום הייליגן רבי ר' אלימלך, צום שינאווער רב, אין לובלין ביים הייליגן חוזה** און נאך ביי קברות הצדיקים זי"ע, און זייט דעמאלט ארבייט **ר' מענדל רייכבערג נ"י** אין דער עבודה, און ער האט שוין געברענגט אין די פופצען יאר כמה פעמים בשנה כיתות מיט אידן, אוודאי שוין געווען טויזנטער אידן דורך די יארן וואס זענען געפארן מתפלל זיין, זיך אויסרעדן און אויסוויינען די הערצער על קברות הצדיקים, וואס שטייט אין די הייליגע ספרים די גרויסע בחינה אויף תפלת על קברי צדיקים, **עס איז א הייליגע עבודה,** טלטולי דגברא נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט דאס פארן מוטשען זיך, דורך די צייט האט ער שוין מקבר געווען עצמות קדושים וואס רשעים האבן נעבעך מבזה געווען, אין קאזניץ האט זיך נעבעך ארום געוואלגעט עצמות און אין נאך אנדערע מקומות, און ער האט מקיים געווען הייליגע מצות צו ברענגען עצמות צדיקים לקבר ישראל אין דעם איז דא כמה וכמה מצות, און טאקע דאס אליין וואס האט איהם געברענגט צו שרייבן א ספר תורה, די תורה וועט דא זיין טאקע אין דעם בית המדרש, אבער ער וועט מיט דעם ספר תורה פארן מזכה זיין אידן, וואס ביז היינט האט מען טאקע געדאווענט אבער קיין ספר תורה צולייענען קריאת התורה אינטערוועגענס איז נישט דא, איז ער א מזכה את הרבים.

אין זכות פון די מצות און די גמילת חסדים צו ברענגען אידן מתפלל צו זיין על קברי רבותינו ואבותינו הק', עס האט שוין אסאך אסאך ישועות געפוילט דורך די אלע הייליגע תפילות אויף די מקומות הקדושים.

**וועל איך אים געבן א ברכה אין דעם זכות, אים און זיין בני בית, זיינע קינדער און אייניקלעך, זאלן זוכה זיין צו גרויסע ישועות, מיט געזונט מיט הצלחה, און ער זאל זוכה זיין צו זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות מיט שמחה,** אין דעם זכות פון תפלת הצדיקים זאלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט ווערן פון גלות, און מיר אלע צוזאמען זאלען זוכה זיין לביאת משיח צדקנו בגאולה שלימה בב"א

Tel. 851-9750

ב"ה

# הרב נפתלי צבי הלברשטאם

Rabbi Naftali Halberstam
4909 - 15th Avenue
Brooklyn, N. Y. 11219

לישרים נאוה תהלה, ה"ה ידידי היקר הרבני הנגיד הנכבד החסיד המפואר איש חי ורב פעלים מזכה את הרבים מו"ה **מענדל רייכבערג** שיחי', שזה יותר מעשרים שנים שנטל על עצמו מצוה גדולה לעשות למען אוהבי ד' שוכני עפר במדינת פוילן, הלא המה רבותינו הק' מאורי הדורות שמפיהן אנו חיין, אשר כידוע חרבו בתי העלמין בפוילן בעת מלחמת העולם ונשברו ונהפכו המצבות וכיסו חרולים את הקרקעות ועברו עליהם קמשונים, וכמה טרחות טרח הרה"ח הנ"ל בלי ליאות לגלות ולפענח את מקום מנוחתם, והיה גדול המעשה והעושה להקים אוהלים ומצבות חדשות ולבנות גדרים וחומות סביבות בתי החיים. ובכמה מקומות שבעוה"ר נהרסו בתי העלמין לגמרי ונחרשו הקברים, התעסק במו ידיו ללקט העצמות ולקברם כדת וכדין.

וגם עומד על המשמר להשגיח בהשגחה מעולה על כבוד מנוחתם לבל יחללוהו זדים, ומוסיף עוד מסילות ותיקונים גדולים באהלי צדיקים כראוי לכבודם ולתועלת הבאים להכין להם הדרך לבוא ולהתפלל על קברות הצדיקים, ובפרט בליזענסק דמשמיא קזכי לי' לעשות תיקונים על ציון המצוינת של מרן הקדוש בעל נועם אלימלך זי"ע ושיכלל והרחיב את האוהל.

ואף הוא חידש הרעיון לקבץ כיתות כיתות מדי שנה בשנה מכל קצוי תבל לנסוע לליזענסק ולצאנז ולשאר מקומות הקדושים, וזה רבות בשנים אשר כבר נסעו עמו רבבות אלפי ישראל לשפוך שיח על קברי הצדיקים.

מה רבו מעשיו ומה יקר חסדו חסד של אמת שעשה עם הנשמות הק', בד בבד עם חסדיו אשר עשה ועושה עם החיים שהובילם לשלום למקומות הק' לעורר רחמים ולפעול ישע ופדיום בכל אשר תשאלם נפשם.

**כלל ישראל מכירים לו טובה, ובכמה הזדמנויות שמעתי מפי כ"ק אדוני אבי מו"ר עט"ר שליט"א שדיבר בקדשו בשבח המגיע להרה"ח ר' מענדל נ"י על מעשיו הכבירים, והרים על נס גודל מעשיו ורב פעולתו.**

ולפיכך אשרי למי שעומד לימינו ותומך בידו למען יוכל להוסיף אלה וכאלה למען כבוד הצדיקים הספונים שם, וזכותם בודאי יגן על כל הנוטלים חלק בתיקון ובשמירת מקום מנוחת כבודם.

ויהי רצון שחפץ ד' בידו יצליח, ויצו ד' אתו את הברכה באסמיו ובכל משלח ידיו מתוך בריאות השלימות ונחת רב, ויתענג על רוב שלום הוא וכל הנלוים אליו, עדי יקיצו וירננו שוכני עפר בביאת גוא"צ בב"א.

באעה"ח ביום כ"א אלול ימי הרחמים והרצון תשנ"ז לפ"ק

נפתלי צבי הלברשטאם

ביים ענדע פון דעם קונטרס איז כדאי צוצולייגן עטליכע בילדער וועלכע ווייזן א טייל פון די לאנג יעריגע פארצווייגטע הייליגע ארבייט און אקטיוויטעטן און עבודת הקודש פון

**הרה"ח רבי מענדל רייכבערג שליט"א**

אין אפראטעווען, טרעפן, איבער בויען, און צוריק שטעלן, די חרוב געווארענע בתי חיים און קברי צדיקים אין פוילן

# אלכסנדר

**תשנ"ו. איבערגעבויעט דעם אהל**



# באכניא

**שטענדיקע אויפהאלט פונעם בית החיים. און איז דעריבער פון די בעסט צושטאנד'יקע בתי חיים אין פוילן.**




**געלייגט מצבה אויפן ציון פון הגה"ק רבי אשר מאיר ה"ש זצ"ל אבדק"ק באכניע עלטסטער אור אייניקל פון מרן הקדוש מצאנז זי"ע**

# דאמבראווא

**תשנ"א. געפינען ארט פונעם אלטן אהל. געבויעט נייער אהל**






**מצבות געשטעלט, הרה"ק רבי מרדכי דוד ובנו הרה"ק רבי יוסף זי"ע ועוד**

# דינוב

## תשנ"ו. שטעלט נייע מצבה אויפן ציון פון

## מרן הקדוש בעל בני יששכר זי"ע

## און מיטות איבער די הייליגע קברים אין אהל



# דינוב

**תשנ"ז. געטראפן יסודות. געבויעט אהל. על קברו של הרה"ק רבי יהושע מדינוב זי"ע**





**תשנ"ח. ארומגעצוימט דעם בית החיים מיט גדר פון אייזן מיט צימענט**

# טיטשין

**מקום מנוחתם של אביו ואמו של הרה"ק הרבי ר' אלימלך והרבי ר' זושא זי"ע**

**מקום מנוחתו של הרה"ק רבי שלמה לייב מטיטשין זי"ע**

**תשנ"ד. ארומגעצוימט דעם בית החיים מיט הערליכן גדר**





**תשנ"ד. שטיבל פאר ליכט א. ד. ג.ביים עק פון בית החיים**

# לאנצוט

**תשנ"ה. ארומגעצוימט דעם ריזיגען בית החיים.**

**הערליכער גאר שטארקער גדר פון אייזן מיט צימענט**






**רבי מענדל רייכבערג נ"י דיקטירט די ארבייטער ביים בויען דעם גדר**

# לאנצוט

**תשמ"ח. געפינען דאס ארט, און געבויעט אהל, פון הרה"ק רבי אלעזר לאנצוטער זי"ע**






**תשנ"א. געשטעלט מצבה על ציון הרה"ק רבי אלעזר לאנצוטער זי"ע**

**(בן הרה"ק בעל בני יששכר זי"ע)**

# מעליץ

**תמוז תשנ"ד. רבי מענדל טרעפט גראבן אינעם רעשט בית החיים. אויסגעגראבן צענדליגער קברים. נאך גרויס השתדלות ווערט ער ערלויבט צוריקצובאגראבן די עצמות**





**ר' מענדל רייכבערג נ"יביים מקבר זיין די עצמות**

# צאנז

**תשנ"ז. רבי מענדל נ"י האט געלאזט אונטערשטיצן** (אונטער- פינען בלע"ז)
**די ווענט פון אהל וועלכע זענען געווען אין א סכנה אומצופאלן.**
**און געלאזט אריינצוען לעקטער אין אהל (תשנ"ו) און נאך תיקונים.**



**תשנ"ז. נייער גדר ארום דעם הייליגען ציון פון**
**רבינו הקדוש איש האלוקים מרן בעל דברי חיים מצאנז זי"ע**
**און נייע מיטות איבער די הייליגע קברים אין אהל**

# צאנז

**תשנ"ו. נייער אהל אויפן ציון פון הרה"ק דער רבי ר' זאלקא פון צאנז זי"ע**

**(וואו ר' מענדל נ"י האט אנטדעקט שנת תשנ"ה**

**דאס ארט וואו עס איז געשטאנען דער אלטער אהל)**






**קבר פון 300 קברים עצמות קדושים וועלכע זענען אויסגעגראבן געווארן (שנת תשכ"ד) אין מעליץ און איז געלייגט געווארן אויפן דארטיגען גוי'עשן בית הקברות. ר' מענדל נ"י האט זיי אהער מפנה געווען כ"ג אדר שנת תשמ"ט לפ"ק. לויט די בקשה פון כ"ק אדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצוק"ל נכד אדמור"י מעליץ זי"ע**

# ראדישיץ

רבי מענדל איז געווען בייהילפיג ביים אויפבויען דעם אהל





שיירא ביים אריינגאנג צום אהל

# ראפשיץ

**תשנ"ה. געפינען ארט פונעם אלטן אהל. געבויעט הערליכער נייער אהל**





**תשנ"ו. ארומגעצוימט דעם בית החיים מיט גדר פון אייזן מיט צימענט**

# שיניאווא

תש"נ. רבי מענדל רייכבערג נ"י טרעפט צוגרייטונגען צו בויען א הויז אויפן בית החיים רח"ל, (זעה בילד) נאנט צום הייליגן אהל פון מרן הקדוש בעל "דברי יחזקאל" משיניאווא זי"ע, בעזרת השי"ת געלונגט אים דאס אפצוהאלטן



תשנ"ח. די שכנים האבן זיך גענומען צוגענומען דריי פערטל בית החיים. געבליבן איז נאר דער טייל וואו עס שטייט דער אהל און די ביסל געבליבענע מצבות. רבי מענדל נ"י האט מיט לאנג יעריגע השתדלות ביי די הויכע רעגירונגס אינסטאנצן אלעס צוריקבאקומען. מען פאנגט אן רענאוואציע און בויען דעם גדר

## יעריסלאוו

**אלול תשנ"ה. דער בית החיים אין יעריסלאוו שטייט פארלאזט און חרוב. נאך גרויס מוה און פיל זוכונגען טרעפט רבי מענדל דעם מקום הציון פון הרה"ק הרבי ר' שמעון יעריסלאווער זי"ע ובניו הקדושים. נאכער ווערט אויך אנטדעקט די יסודות פונעם אלטן אהל. צוגרייטונגען ווערן געמאכט צו בויען א נייעם אהל.**

## פרעמיסלא

**תשרי תשנ"ו. רבי מענדל טרעפט ריזיגן גרויסן אור אלטן זיבן הונדערט יעריגן בית החיים (מקום מנוחתם של גדולי וגאוני ישראל מאורי דור ודור) אין א חרוב'ן צושטאנד. צוטיילט פאר זעכצן גוים וועלכע באניצן זיך דערמיט צו האלטן אפפאל, פלאנצן גרינס, א. ד. ג. רח"ל. נאך אומערמידליכע השתדלות, טראץ אומצאליגע שטערונגען, ווערן די גוים פאריאגט, דער בית החיים ווערט אפגערייניגט און צוריקגעגעבן. מען גרייט זיך צו בויען גדר א. ד.ג. וואס דאס איז געווארן באריכטעט אין די פרעסע און מידיא פון גאנץ פוילן**

## פוילן

**אומצאליגע תיקונים ווערן געמאכט אויף צענדליגער ערטער**

נדפס "בדפוס טובה"
Printed by
**TOVA PRESS, INC.**
945 39th St., Brooklyn, NY 11219
**(718) 438-8877**